בעזרת השם יתברך

וועד העירוב

815 - 1 עמוד

# ממכ"ע "דער בלאט" ערש"ק במדבר תש"ס.

# סיפור מהכנסת ס"ת בשבת קודש ע"י כ"ק אדמו"ר מסאטמאר שליט"א ברחובות וויליאמסבורג

# וואס דער רבי האט דערציילט...

## צוגעשטעלט לכבוד דעם יום הצלה והשחרור פון כ"ק מרן אדמו"ר מסאטמאר שליט"א - כ"ה אייר תש"ה



אלימלך חיים וו. מאן

(פארזעצונג פון פריער)

איידער מיר גייען ווייטער, ווילן מיר דא איבערגעבן עטליכע הוספות וואס מיר האבן באקומען במשך די וואכן, און מיר טוען אויסדריקן א הארציגן יישר כח, חזכות הרבים תלוי בהם.

די מעשה אז דער עצי חיים ז"ל האט געהייסן פאר זיינע קינדער לערנען די שפראך, האט אונז איינער פון די משמשים בקודש דערציילט, אז די מעשה איז געווען, אז די רעגירונג האט פארלאנגט אז מ'מוז שיקן די קינדער אין די שולעס, כדי זיי זאלן קענען רעדן די שפראך, און אזוי ווי די שטאט סיגוט איז געווען אמאל אין אונגארן און אמאל אין רומעניע און אמאל אין די חלק פון דייטשלאנד, האט מען זיך געקענט אויסוועלן וועלכע פון די שפראכן מ'וויל לערנען, נאר מיט שוחד האט מען אויסגעפועל'ט אז מ'זאל קענען לערנען אינדערהיים.

ב) עס האט דערציילט מו"ה ר' יצחק פריינד הי"ו פון מאנטרעאל, אז ער האט געהערט פון הגאון הצדיק קרית יואל'ער רב שליט"א, אז אין שנת תש"ם, לפ"ק איז אויסגעפאלן די צווייטע טאג שבועות אום שבת קודש, און עס איז געווען א גרויסער רעגן, און כ"ק אדמו"ר מסאטמאר שליט"א האט אריינגעגעבן א ספר תורה אין בית המדרש הגדול אין וויליאמסבורג לע"נ רביה"ק מסאטמאר זי"ע. די ספר תורה איז ארויס פונעם הויז פון קרית יואל'ער רב שליט"א אין וויליאמסבורג. אראפ-גייענדיג די טרעפ מיט די ספר תורה אין די האנט, האט דער רבי שליט"א דער-ציילט, אז ער דערמאנט זיך אז פאר פינף און דרייסיג יאר צוריק איז ער אנגעקומען קיין אוישוויץ, און עס איז געווען די צווייטע טאג שבועות, און עס איז אויך אויסגעפאלן אין א שבת, און עס איז געווען א שטארקע רעגן, און ער האט געהאלטן איינע פון זיינע קינדער איז זיין האוזי

און ווען איך האב געדארפט פון איס א טובה, בין איך צוגעגאנגען צו אים — די דייטשע שפראך האב איך דאך געקענט — און אים געזאגט, אז איך האב אמאל געטרינקען יענע-און-יענע ברוינפן. 'אזוי', זאגט ער מיר, 'דו האסט געטרונ-קען יענעם ברוינפן. איך האב אמאל געטרינקען יענעם ברוינפן און יענעם בראנפן', און מ'האט אנגעהויבן צו זען בחוש ווי זיין פנים הויבט אן רויט צו ווערן פון שכרות. ער איז ממש שיכור געווארן כאילו ער האט געטרונקען בפועל. און אזוי האב איך אים געקענט בעטן די טובה, און ער האט דאס מיר געטאן. פון דעמאלט אן ווען איך האב געדארפט א טובה פון אים, האב איך אנגעהויבן רעדן פון ברוינפן און אלעס איז ערלעדיגט געווארן".

"און דאס איז געווען לכאורה פון דעם וואס דער טאטע האט משפיע געווען דעם 'סיכ"ה כשתיה', אז רעדן פון ברוינפן זאל האבן דעם זעלבן כח ווי ברוינפן".

◆ ◆ ◆

הרה"ח ליפא שווארץ ע"ה האט דערציילט: "יעדן אינדערפרי פלעגן מיר לייגן תפילין אינעם באראק פארן גיין צו די ארבייט, און אויפן וועג ארויפגייענדיג צו די ארבייט האבן מיר געדאווענט דאס גאנצע דאווענען מיט מנין, און דאס זעלבע ביינאכט האבן מיר געדאווענט מנחה מעריב, און איך", דערציילט ר' ליפא, "בין דאך געווען אין יאר נאך מיין טאטן און מאמען, האב איך געדאווענט אלס בעל תפלה און געזאגט די קדישים. אבער ווי פארשטייט זיך, אז איך בין געווען זייער צעבראכן פונעם פארלירן די עלטערן, און דער רבי פלעגט מיר מחזק זיין און מיר זאגן 'דארפסט דאנקען דעם אויבערשטן אז זיי האבן לכה"פ זוכה געווען צו קומען לקבר ישראל און ליגן במנוחה נכונה'".

(דא איז דאס פלאץ צו באדאנקען די חשוב'ע קינדער פון ר' ליפא ע"ה, וועלכע האבן אונז איבערגעגעבן די מעשיות פון די ספר פון זיין ביאגרא-פיע, וועלכע וועט אי"ה בקרוב ער-שיינען.

און אויך איז כדי להזכיר בשבח פון ר' ליפא ז"ל, וועלכער איז געשטאנען א גאנצע צייט צו די רעכטע האנט פון רבי'ן שליט"א, און כמה פעמים ווען דער רבי איז געווען צוריקגעשטאנען אין די ארבעט, וואס דאס האט גע-דראעט מיט טויט, רח"ל, פלעגט ר' ליפא מיט מסירות נפש ענדיגן די ארבייט פון רבינו שליט"א, אויך ווען ער האט געכאפט פאר דעם מכות אכזריות פון די נאצישע רוצחים ימ"ש.

און דאס ידידות פון ר' ליפא ע"ה ולהבחל"ח מיטן רבי'ן שליט"א האט ווייטער אנגעהאלטן אויך נאכן קריג. ר' ליפא שרייבט אין זיין חיבור, אז ער האט געוואלט פאָרן צום רבי'נס חתונה בזוו"ש, פון סאטמאר אויף סיגוט, נאר צוליב די שווערע שני' וואס איז דאן געווען, איז ער געווען אפגעהאלטן אונטערצונעמען אזא נסיעה.)

◆ ◆ ◆

דער רבי שליט"א האט דערציילט, אז דארט אין לאגער — ווי אויבנדער-מאנט — איז געווען בעיקר צו מאכן נאפט און גאזאלין פאר די באמבעס, און דאס איז געווען געמאכט עפעס אזוי אויסגעשטעלט אז מ'האט גע-דארפס אסאך רעדן כדי דאס אריינצו-לייגן. איז געווען א איד מיטן נאמען מר. שעהן וואס ער איז מיטגעקומען מיט זייער טראנספארט, נאר אזוי ווי ער